NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04534

DOS ERSHTE LEYENBIKHL FAR SHUL UN HAYM

Solomon Shapiro

Permanent preservation of this book was made possible
by Ilene & David Zatal
in honor of
their grandparents, Harry & Leah Srebro

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. שאַפּיראָ

דאָס ערשטע לייענביכל

פאַר שול און היים

אַרויסגעגעבן פון צענטראַלן קאָמיטעט
פון
די יידישע פאָלקשולן
פון
יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און פּועלי ציון-צעירי ציון

ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 1944

Copyright, 1944

by JEWISH FOLK SCHOOLS

New York, N. Y.

369

פאַרוואָרט

„דאָס ערשטע לייענביכל" איז באַשטימט פאַרן ערשטן האַלבן יאָר לייענען אין דער יידישער שול. דאָס ביכל איז אָבער ניט מער ווי איין טייל פון אַ פיר פאַכיקער אַרבעט, וואָס אַלע טיילן צוזאַמען שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאַנצן פּלאַן און מעטאָד פון לערנען יידיש אין דעם אָנפאַנגער קלאַס פון דער יידישער שול. די אַנדערע טיילן פון דער אַרבעט זענען: אַ האַנטבוך פאַרן לערער, אַן אַרבעטס־העפט פאַרן תלמיד, און אַ רייע הילפס־מכשירים פאַר שפּראַך איבונגען אין קלאַס.

אויב לערער וועלן געפינען פאַר פּאַסיק צו באַנוצן דאָס לייענביכל אַליין, איז דאָס זייער רשות. ביים מחבר אָבער זענען די פאַרשידענע טיילן ענג פאַרבונדן און אָפּהענגיק איינער פון די אַנדערע. אַלע טיילן צוזאַמען זענען באַשטימט צו פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון אויסלערנען דאָס אַמע־ריקאַנער יידישע קינד לייענען און שרייבן יידיש.

אינעם אַריינפיר צום „האַנטבוך" פאַרן לערער ווערט געמאַכט אַן אויספירלעכער אַנאַליז פון די פּעדאַגאָגישע יסודות אויף וועלכע דער גאַנצער פּלאַן איז געבויט. דאָ זאָל בלויז דערמאָנט ווערן דאָס פאָלגנדיקע:

1. דער פּלאַן נעמט אין באַטראַכט, אַז די אַמעריקאַנער יידישע קינדער רעדן ניט קיין יידיש, און אַז זעלטן וואו איז יידיש די טעגלעכע אומגאַנגס־שפּראַך פון דער היים.

2. דער פּלאַן נעמט אָן, אַז דער הויפּט ציל פונעם יידיש למוד אין דער יידישער שול איז וואָס שנעלער צוצופירן די קינדער צו דער יידי־שער ליטעראַטור און פּרעסע, און אַז דער ציל קאָן דערגרייכט ווערן בלויז ווען דער צוגרייטונגס פּראָצעס איז לייכט, אנגענעם און אינטערעסאַנט.

3. די דריי מדרגות אין דער טעכניק פון דערלערנען די שפּראַך זענען לויט דעם פּלאַן: א) דאָס מינדלעכע וואָרט — לערנען זאָכן אויסנ־ווייניק; ב) דאָס שריפטלעכע וואָרט — לייענען שריפט און שרייבן; ג) דאָס געדרוקטע וואָרט — לייענען דרוק.

4. אין אַלע דריי מדרגות דאַרף דער מאַטעריאַל באַשטיין פון גאַנצע

זאַכן. וואָקאַבולאַר איבונגען — דער שטודיאום פון איינצלנעם וואָרט — דאַרף קומען שפּעטער.

5. אין ערשטן קלאַס ווערט באַשטימט דער שיקזאַל פון קינד אַלס לייענער פון יידיש. צי וועט דאָס קינד ווערן אַ לייענער פון יידיש און האָבן אַ באַציאונג צו אַ יידיש בוך איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דעם געפיל און דער באַציאונג, וואָס דאָס ערשטע לייענביכל רופט ביי אים אַרויס.

6. ווי אַ באַדינג צו ווערן באַליבט ביים קינד מוז דאָס ערשטע לייענביכל האָבן אינטערעסאַנטן און לייכטן מאַטעריאַל, און מוז זיין פריי פון אַלערליי שפּראַך איבונגען און היים אַרבעטן.

7. דער „יידישקייט" עלעמענט דאַרף שוין אין ערשטן קלאַס פאַר־נעמען אַ חשוב אָרט.

צו אָט די שלוסן איז דער מחבר געקומען דורך מער ווי דריי צענדליק יאָר דערפאַרונג מיט אַמעריקאַנער יידישע קינדער, און דער גאַנצער פּלאַן און מעטאָד איז דער רעזולטאַט פון עקספּערימענטאַלע פּרואוון אין פאַר־לויף פון יאָרן.

דער מחבר דריקט דאָ אויס זיין דאַנק צו די חברים וו. שיכ־מאַן און י. א. שווארץ פאַר לייענען טיילן פון דער אַרבעט און די חברים י. ענטין, פּ. גינגאָלד, און ע. כייקעס פאַר איבערקוקן און העלפן אָפּקלייבן דעם מאַטעריאַל, וועלכער גייט אַריין אין דעם ביכל.

ש. שאַפּירא.

פילאַדעלפיע, אויגוסט 1944.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט — ש. שאַפּיראָ 3

דערקלערונג 7

איך האָב ליב — ב. סמאָליאַר 8

ברויט מיט פּוטער — ב. סמאָליאַר 10

מיכעלע — א. קאַצענעלזאָן 12

שלאָפליד — א. גאָלדפאַדן 14

שלאָף — פאָלקסליד 16

קו־קו־רי־קו — צביה גרינגלאַז 18

עסן — י. קאַמינסקי 20

עפּל — י. קאַמינסקי 22

אַלע פּיר — רבקה גאַלין 24

געסט — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי 26

האָב איך אַ פּאָר אָקסן — פאָלקסליד 27

ציינדעלעך — ה. רויזנבלאַט 28

אַ יינגעלע אַזאַ — י. י. סיגאַל 29

אַ גוט שוועסטערל — פון מיין יידיש בוך 30

אונדזערע טעג — נחום יוד 31

בולבע — פאָלקסליד 32

קומט דער **ליבער חנוכה** — מ. געלבאַרט 33

מיין דריידל — ח. באַרקאַן 35

דריידל־שפּיל — י. קאַמינסקי 36

שניי — בצלאל פרידמאַן 37
אַ שנייעלע — י. ל. פרץ 38
לאהלע־שנייעלע — לעאָן עלבע 39
שליטלען — עליזה גרינבלאַט 41
מיין טאַטע — בצלאל פרידמאַן 42
דער שניידער — בצלאל פרידמאַן 43
די בעקער — בצלאל פרידמאַן 44
אַלע שלאָפן — אייזיק פלאַטנער 45
בעל־מלאכות — א. קאַצענעלזאָן 46
די זשאַבע און דער אָקס — עזאָפּ 48
טאָפּעלע טוטאַריטו — שלום־עליכם 49
הימל און ערד — פאָלקסליד 50
אַלף איז אַן אַקער — אַלעף כץ 52
יאַנקעלע־באַנקעלע — דוד ראַדין 53
לאָמיר זינגען — נחום יוד 55
א ל ף ־ ב י ת 57

פון חומש — ש. שאַפּיראָ
זאָל ווערן ליכטיק 59
דער ערשטער מענטש 60
די ערשטע פרוי 61
נח 62
נח אין דער תיבה 63
די מעשה מיט דער טויב 64

דערקלערונג

איבער אַ רייע טעכנישע שוועריקייטן, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט אַרויסגעבן אין דער איצטיקער צייט, דערשיינט דאָס ביכל טעכניש ניט לויט ווי עס איז אָריגינעל געפּלאַנט געוואָרן. עס פֿעלן צייכענונגען און אילוסטראַציעס; נישט אַלע זאַכן זענען געזעצט מיט דער געהעריקער שריפֿט; און עס זענען אויסגעלאָזן געוואָרן נקודות וואו דער מחבר האַלט זיי פֿאַר דורכאויס נויטיק. די אויפֿלאַגע איז דעריבער אַ באַשרענקטע. אין דער צווייטער, גרעסערער, אויפֿלאַגע וועלן די אַלע חסרונות פֿאַריכט ווערן.

איך האָב ליב

איך האָב ליב צוקער,
איך האָב ליב האָניק,
איך האָב ליב קעז און פּוטער;
איך האָב ליב עפּל,
איך האָב ליב באַרן,
נאָר מער פון אַלץ –
מײַן מוטער.

איך האָב ליב

איך האָב ליב צוקער,
איך האָב ליב האָניק,
איך האָב ליב קעז און פּוטער;
איך האָב ליב עפּל,
איך האָב ליב באַרן,
נאָר מער פון אַלץ מײַן מוטער.

ברויט מיט פּוטער

ברויט מיט פּוטער, ברויט מיט פּוטער,
גיב מיר ברויט מיט פּוטער.
שנייד פֿאַר מיר, שנייד פֿאַר דיר,
און שנייד אויך פֿאַר דער מוטער.

ברויט מיט האָניק, ברויט מיט האָניק,
איז גוט און זיס צוזאַמען.
אַ ביס פֿאַר מיר, אַ ביס פֿאַר דיר,
און אַ ביס אויך פֿאַר דער מאַמען.

ברויט מיט פוטער

ברויט מיט פוטער, ברויט מיט פוטער,
גיב מיר ברויט מיט פוטער.
שנייַד פאַר מיר, שנייַד פאַר דיר,
און שנייַד אויך פאַר דער מוטער.

ברויט מיט האָניק, ברויט מיט האָניק,
איז גוט און זיס צוזאַמען.
אַ ביס פאַר מיר, אַ ביס פאַר דיר,
און אַ ביס אויך פאַר דער מאַמען.

מיכעלע

מיכעלע, מיכעלע,
טו אוים דאָס שיכעלע,
טו אוים דאָס רעקעלע,
צי אַראָפּ דאָס זעקעלע,
פאַרבייג זיך, פאַרנייג זיך,
און אין בעטעלע לייג זיך.

מיכעלע

מיכעלע, מיכעלע,
טו אויס דאָס שיכעלע,
טו אויס דאָס רעקעלע,
צי אַראָפּ דאָס זעקעלע,
פאַרבייג זיך, פאַרנייג זיך,
און אין בעטעלע לייג זיך.

שלאָפליד

שלאָף אין פריידן,
דו ווייסט קיין ליידן,
שלאָף, מיין טייער קינד!
שלאָף מיין פייגעלע,
מאַך צו דיין אייגעלע,
שלאָף זשע, שלאָף געזונט!

שלאָפליד

שלאָף אין פרייד,
דו ווייסט קיין לייד,
שלאָף, מיין טײַער קינד!
שלאָף מײַן פייגעלע,
מאַך צו דײַן אייגעלע,
שלאָף זיסע, שלאָף געזונט!

שלאָף

שלאָף, שלאָף, שלאָף.
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַן עפּעלע,
וועט זיין אַ געזונט אין קעפּעלע.

שלאָף, שלאָף, שלאָף.
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַ העזעלע,
וועט זיין אַ געזונט אין נעזעלע.

שלאָף, שלאָף, שלאָף.
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַ ניסעלע,
וועט זיין אַ געזונט אין פיסעלע.

שלאָף

שלאָף, שלאָף, שלאָף.
דער טאַטע וועט פֿאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַן עפּעלע,
וועט זײַן אַ געזונט אין קעפּעלע.

שלאָף, שלאָף, שלאָף.
דער טאַטע וועט פֿאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַ העזעלע,
וועט זײַן אַ געזונט אין נעזעלע.

שלאָף, שלאָף, שלאָף.
דער טאַטע וועט פֿאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַ ניסעלע,
וועט זײַן אַ געזונט אין פּיסעלע.

קו-קו-ריקו

קו־קו־ריקו! קרייט דער האָן,
טוען מאַמעס גלייך זיך אָן;
און די קינדער אין די וויגן
ווילן אויך שוין מער ניט ליגן.

גרייטן מאַמעס, איינס און צוויי,
מילך און קאַשע און אַן איי;
פאַר די קינדער אין די וויגן,
וועלכע ווילן מער ניט ליגן.

עסן קינדער, איינס און צוויי,
מילך און קאַשע און אַן איי;
עסן אַלץ וואָס מאַמעס ווילן,
און האָבן כח זיך צו שפּילן.

קוקוריקו

קו-קו-ריקו! קרייט דער האָן,
טוען מאַמעס גלײַך זיך אָן;
און די קינדער אין די וויגן
ווילן אויך שוין מער ניט ליגן.

גרייט מאַמעס, איינס און צוויי,
מילך און קאַשע און אַן איי;
פאַר די קינדער אין די וויגן,
וועלכע ווילן מער ניט ליגן.

עסן קינדער, איינס און צוויי,
מילך און קאַשע און אַן איי;
עסן אַלץ וואָס מאַמעס ווילן,
און האָבן כח זיך צו שפּילן.

עסן

טעלער טיפֿע אויפֿן טיש,
טעלער פֿול מיט פֿרישע פֿיש,
פֿול מיט בּאַרן און מיט ניס,
עסן קינדער בּיס נאָך בּיס,
עסט די מאַמע, עסט דער טאַטע,
און עס זענען אַלע זאַטע.

עסן

טעלער טיפֿע אויפֿן טיש,
טעלער פֿול מיט פֿרישע פֿיש,
פֿול מיט באַרן און מיט ניס,
עסן קינדער ביס נאָך ביס,
עסט די מאַמע, עסט דער טאַטע,
און עס זענען אַלע זאַטע.

עפּל

עפּל, עפּל, רויט און פריש,
עפּל, עפּל, אויפן טיש!
עפּל, עפּל, רייף און רויט,
עסן, עסן מיר ווי ברויט.
עפּל, עפּל, פול מיט זאַפט,
עסן מיר און קריגן קראַפט.

עפּל

עפּל, עפּל, רויט און פריש,
עפּל, עפּל, אויפן טיש.
עפּל, עפּל, רײַף און רויט,
עסן, עסן מיר ווי ברויט.
עפּל, עפּל, פול מיט זאַפט,
עסן מיר און קריגן קראַפט.

אַלע פֿיר

אַלע פֿיר, אַלע פֿיר,
וואַרטן מיר ביים טיר:
הערעלע און בערעלע,
בובעלע מיט מיר.

קומט צו פֿאָרן פּאַפּע,
ברענגט אַ גרויסן פּאַק
קיכעלעך און צוקערלעך,
ניס אַ פֿולן זאַק.

נאַשן מיר, טאַנצן מיר,
טאַנצן אַלע פֿיר.
הערעלע און בערעלע,
בובעלע מיט מיר.

אַלע פיר

אַלע פיר, אַלע פיר,
וואַרטן מיר בײַם טיר:
הערעלע און בערעלע,
בובעלע מיט מיר.

קומט צו פאָרן פאַפּע,
ברענגט אַ גרויסן פּאַק
קיכעלעך און צוקערלעך,
ניס אַ פולן זאַק.

נאַשן מיר, טאַנצן מיר,
טאַנצן אַלע פיר.
הערעלע און בערעלע,
בובעלע מיט מיר.

געסט

קיץ, קאַץ, קעצעלע,
וואַש מיר אויס אַ טעצעלע,
סקומען געסט צו מיר;
סקומט די מומע מירעלע,
מיט איר טאָכטער צירעלע —
עפן זיי די טיר.

וואַשט די קאַץ אַן אויערל,
עפנט זיך דאָס טויערל,
סקומען געסט צו מיר.
סקומען קינדער ברעקעלעך,
רייטן זיי אויף שטעקעלעך —
עפן זיי די טיר.

האָב איך אַ פּאָר אָקסן

האָב איך אַ פּאָר אָקסן, אָקסן,
וואָס זיי בראָקן לאָקשן, לאָקשן,
אַך וואונדער,
איבער וואונדער,
ווי די אָקסן בראָקן לאָקשן,
דאָס איז מיר אַ וואונדער,
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

האָב איך אַ פּאָר בערן, בערן,
וואָס זיי שטיבער קערן, קערן,
אַך וואונדער,
איבער וואונדער,
ווי די בערן שטיבער קערן,
ווי די אָקסן בראָקן לאָקשן,
דאָס איז מיר אַ וואונדער.
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

האָב איך אַ פּאָר ציגן, ציגן,
וואָס זיי קינדער וויגן, וויגן,
אַך וואונדער,
איבער וואונדער,
ווי די ציגן קינדער וויגן,
ווי די בערן שטיבער קערן,
ווי די אָקסן בראָקן לאָקשן,
דאָס איז מיר אַ וואונדער.
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

האָב איך אַ פּאָר פייגל, פייגל,
וואָס זיי באַקן בייגל, בייגל,
אַך וואונדער,
איבער וואונדער,
ווי די פייגל באַקן בייגל,
ווי די ציגן קינדער וויגן,
ווי די בערן שטיבער קערן,
ווי די אָקסן בראָקן לאָקשן,
דאָס איז מיר אַ וואונדער,
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

ציינדעלעד

בעבזיק האָט צוויי ציינדלעד,
מאַכט ער מיט זיי חנדלעד.

קייט ווי אַ ציגעלע,
אַלץ, וואָס ליגט אין ווינקעלע.

קישן, קאָלדרע, מענטעלע,
און זיין איגן הענטעלע.

ווי עס קומט צום צינגעלע –
מאַכט אַ בוואַלד דאָס יינגעלע.

אַ ייִנגעלע אַזאַ

אַ ייִנגעלע, אַ ייִנגעלע, אַלט איז עס צוויי יאָר,
קויפט מען אים אַ פערדעלע, ווײַל עס צוויי –
– אַ פּאָר.

אַ ייִנגעלע, אַ ייִנגעלע, אַלט איז עס צוויי יאָר,
גיט מען אים אַן עפּעלע, ווײַל עס צוויי–אַ פּאָר.

אַ ייִנגעלע, אַ ייִנגעלע, אַלט איז עס צוויי יאָר,
גיט מען אים אַ פּעטשעלע, ווײַל עס צוויי –
– אַ פּאָר.

אַ גוט שוועסטערל

שיינדעלע איז אַלט זיבן יאָר. די עלטערן זענען אַ גאַנצן טאָג אין דער היים ניטאָ. דער טאַטע און די מאַמע אַרבעטן ביידע אין פאַבריק. זיי קומען אַהיים ערשט שפּעט אין אָוונט. דאַרף שיינדעלע טון אַלצדינג אין שטוב, און דערצו נאָך אַכטונג געבן אויף איר קליין ברודערל, יאָסעלע, אַ ייִנגעלע וואָס איז נאָר איין יאָר אַלט.

שיינדעלע טוט אָן איר ברודערל, וואַשט אים און גיט אים עסן. זי טראַכט צו אַלערליי שפּילן, יאָסעלע זאָל זיין פריילעך און ער זאָל ניט וויינען.

אַט מאַכט זי אים אַ ליאַלקע פון שמאַטקעלעך, אַט מאַכט זי אים לאַטקעס פון זאַמד. אַניט מאַכט זי נאָך דער קאַץ: מיאַו, מיאַו, מיאַו! אָדער זי האַוקעט ווי אַ הונט: האַוו, האַוו, האַוו! אָדער זי מעקעט ווי אַ ציגעלע: מע, מע, מע!

פאַרנאַכט איידער טאַטע-מאַמע קומען אַהיים לייגט זי יאָסעלען שלאָפן אין וויגעלע, און זי זינגט אים אַ לידעלע:

שלאָף, שלאָף, שלאָף!\
דער טאַטע וועט קומען פון דאָרף,\
וועט ער ברענגען אַן עפּעלע,\
וועט זיין אַ געזונט אין קעפּעלע;\
וועט ער ברענגען אַ ניסעלע,\
וועט זיין אַ געזונט אין פיסעלע;\
וועט ער ברענגען אַ העזעלע,\
וועט זיין אַ געזונט אין נעזעלע.

אונדזערע טעג

זיבן, זיבן זענען מיר,
זיבן גוטע ברידער.
זיבן, זיבן גייען מיר,
און מיר קומען ווידער.

בולבע

זונטיק – בולבע, מאָנטיק – בולבע,
דינסטיק און מיטוואָך – בולבע,
דאָנערשטיק און פרייטיק – בולבע,
שבת אין אַ נאָווינע – אַ בולבע־קוגעלע,
זונטיק – ווייטער בולבע.

ברויט מיט בולבע, פיש מיט בולבע,
וואַרעמעס און וועטשערע – בולבע,
ווידער און ווידער – בולבע,
שבת אין אַ נאָווינע – אַ בולבע־קוגעלע,
זונטיק – ווייטער בולבע.

קומט דער ליבער חנוכה

קומט דער ליבער חנוכה,
איז ווייס און פריי די וועלט;
שפּאַנט מען אום צו אייניקע,
און קריגט מען חנוכה־געלט.

עסט מען הייסע לאַטקעלעך,
דאַן שפּילט מען דריידל־דריי;
וואַרפן קינדער זיך אין גאַס
מיט ווייסע קוילן שניי.

לערער לערנט מיט אונדז אין קלאַס
וואָס חנוכה באַטייט:
די יידן האָבן זיך אַמאָל
פון פרעמדן יאָך באַפרייט.

איז יום טוב חנוכה
פאַר אונדז צו פייערן כדאַי;
ווייל עס האָט אַ פאָלק געקעמפט
און איז געוואָרן פריי.

A. SHTIFER MICHL GELBART



מיין דריידל

מיין דריידעלע, דריידל,
מיין דריידל פון בליי,
דערציייל אונדז די מעשה,
דערציייל פון דאָס ניי
ווי די חשמונאים,
די העלדישע לייט,
האָבן אונדז יידן,
פון קנעכטשאַפט באַפרייט.

דריידל־שפּיל

דריידל, דריידל, דריידל־בלײַ,
דריי זיך גיך און דריי זיך פֿרײַ,
אויפֿן טיש און אויפֿן דיל –
דריידל איז אַ לוסטיק שפּיל.

ש נ י י

שנײ,
שנײ!
אויף די פעלדער
פאַל און גײ.

דעק זײ צו,
דעק זײ אײַן,
אַז עס זאָל זײ
וואַרעם זײַן.

אַ שנייעלע

אַ שנייעלע פליט,
אַ שייעלע פאַלט,
די שנייען פאַרשיטן דאָס פעלד
און דעם וואַלד.

דאָס טייכעלע פרירט,
דאָס טייכעלע שטייט,
דאָס קלאָרינקע טייכל מיט שנייען פאַרוויט.

דאָס שטיבעלע ווייס,
די פענצטער מיט אייז,
ביים שטיבל, אין גערטל, אַ ראָב זוכט זיך
שפּייז.

לאהלע־שנייעלע

אַמאָל איז געווען אַ מיידעלע, לאהלע. איז זי געווען קלאָר און גרינג ווי אַ שנייעלע. האָט מען זי גערופן לאהלע־שנייעלע.

איינמאָל זאָגט לאהלע־שנייעלע:

— אַז מע רופט מיך לאהלע־שנייעלע, וועל איך טאַקע ווערן אַ שנייעלע.

האָט זי געוואַרט ביז ווינטער איז געקומען. און אַז ווינטער איז געקומען, און די ווינטן האָבן גענומען ברומען, איז לאהלע־שנייעלע אַרויס אין דרויסן און געשטעלט זיך וואַרטן אויף אַ שניי.

שטייט זי אַזוי און וואַרט. און עס בלאָזן די ווינטן אי פון פאָרנט אי פון הינטן. איינס און צוויי, אַ בלאָז און אַ דריי, און אָט קומט דער שניי.

די שנייעלעך האָבן זיך צו דער אַרבעט גענומען. זיי דרייען זיך און פרייען זיך. האָט לאהלע גענומען שפרינגען און זינגען:

שנייעלעך, דרייעלעך,
נעמט מיך אַריין אין מיטן!

און די שנייעלעך האָבן איר געענטפערט:

— לאהלע־שנייעלע,
גיי און נעם אַ שליטן!

איז לאהלע אַוועק אין הויז, און איז באַלד מיט אַ שליטן אַרויס.

און לאהלע האָט זיך געזעצט אויפן שליטל, און — היידאַ! שליטל — אַרויף, שליטל אַראָפּ! און לאהלע איז פאַרשנייט פון די פיס ביזן קאָפּ.

די שנייעלעך דרייען זיך און פרייען זיך, און לאהלע דרייט זיך און פרייט זיך.

אַזוי אַ גאַנצן טאָג.

פאַרנאַכט האָט לאהלע זיך געזעגנט מיט די שנייעלעך און איז אַוועק אַהיים.

זי איז אַריין אין שטוב אַ פאַרשנייטע, אַ פאַרווייטע. די מאַמע האָט זי דערזען, האָט זי געגעבן אַ געשריי:

— אוי, ווי! ביסט דאָך אינגאַנצן אין שניי!

— איך בין דאָך געווען אַ שנייעלע! האָט געענטפערט לאהלע.

שליטלען

אָנגעשוכט און אָנגעפּעלצט
פאַר ווינטערדיקער קעלט;
שליטלען זיך די קינדערלעך
אין אַ ליכטיק, ווייסער וועלט.

בעקעלעך ווי עפּעלעך,
אייגעלעך פול גליק;
הענטעלעך געפרוירענע
האַלטן פעסט די שטריק.

לויפן גיך די שליטעלעך
אין פריילעכן גאַלאָפּ.
אוי! אָט פאַלט אַ יינגעלע
פון שליטעלע אַראָפּ.

מײַן טאַטע

מײַן טאַטע אַרבעט
שװער און גיך;
ער איז אַ שוסטער,
מאַכט ער שיך.
אַ גוטער שוסטער
איז מײַן טאַטע;
טראָג איך שיך,
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

דער שניידער

אַ שטאָך מיט דער נאָדל,
אַ שנייד מיט דער שער,
אַ דריי מיט דער האַנט
אַהין און אַהער.

נייט דער שניידער,
נייט און נייט;
מאַכט דער שניידער
קלייד נאָך קלייד.

די בעקער

װען מיר שלאָפֿן אין די בעטן,
שטייען בעקער אױף און קנעטן.
װען מיר ליגן אױף די קישן,
שטייען בעקער אױף און מישן.
װערט נאָר טאָג, דער הימל גרױט,
איז שױן גרייט דאָס פֿרישע ברױט.

אַלע שלאָפֿן

אַלע שלאָפֿן. סאיז שוין שפּעט.
נאָר דער בעקער שטייט און קנעט,
הייצט דעם אויוון פּייער רויט,
גרייט אויף מאָרגן אָן דאָס ברויט.

בעל־מלאכות

בין איך מיר אַ שניידערל,
רופט מען מיך רב גאָדל;
צי איך מיר אַזוי אַריין
אַ פאָדעם אין אַ נאָדל.
כמאַך אין עק אַ קניפּעלע,
ניי און ניי כסדר;
אָט־אַזוי און אָט־אַזוי
ניי איך מיר די קליידער.
טוריי־ריי!
טוריי־ריי!
ניי איך מיר די קליידער.

בין איך מיר אַ שוסטערל,
רופט מען מיך רב מיכל;
נעם איך מיר אַזוי דעם אָל
און שטעק אַריין אין שיכל.
ווערט אין זויל אַ לעכעלע,
שטעק איך אָן אַ טשוועקל;
אָט־אַזוי און אָט־אַזוי
קלאַפּ איך מיטן העקל.
קליפּ און קלאַפּ!
קליפּ און קלאַפּ!
קלאַפּ איך מיטן העקל.

בין איך מיר אַ בעקערל,
רופט מען מיך רב לעמל ;
קנעט איך מיר דאָס טייג גוט אויס,
און מאַך מיר ברויט און זעמל.
כלייג זיי אויף דער לאָפּעטע,
געשוואָלענע פון הייוון ;
אָט־אַזוי און אָט־אַזוי
רוק איך זיי אין אויוון.
באַלד אַריין,
באַלד אַרויס,
הין און צוריק פון אויוון.

מוזיק פון י. גלאַטשטיין



די זשאַבע און דער אָקס

אַ זשאַבע האָט אַמאָל געזען אַן אָקס. דער אָקס איז געווען זייער אַ גרויסער. די זשאַבע איז געווען זייער קליין.

האָט די זשאַבע אויך געוואָלט ווערן גרויס ווי דער אָקס.

וואָס זשע האָט די זשאַבע געטון?

זי האָט זיך גענומען בלאָזן און בלאָזן, שטאַרקער און שטאַרקער. אַזוי לאַנג און אַזוי גרויס – ביז זי האָט געפּלאַצט.

טאָפּעלע טוטאַריטו

אַז איך בין געווען אַ קליין ייִנגעלע, האָט מען מיך גערופן „טאָפּעלע טוטאַריטו״. דאָס הייסט: „קאָפּעלע קוקאַריקו״.

ווייסט איר פאַרוואָס ?

ווייל ערשטנס, האָב איך געהאַט אַ דין קעלעכל, ווי אַ הענדל.

צווייטנס, האָב איך ניט געקענט אויסריידן קיין „ק״ און קיין „ג״.

געהייסן האָב איך קאָפּל, און גערופן האָט מען מיך קאָפּל גיטל קאַלמענס.

— ייִנגעלע, ווי רופט מען דיך ?

— מיך ? טאָפּל דיטל טאַלמענס.

— העכער אַביסל !

— טאָפּל דיטל טאַלמענס !

— נאָך העכער !

איך שריי אויף אַ קול : טאָפּל דיטל טאַלמענס !

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט און איך וויין.

הימל און ערד

גאָט האָט באַשאַפֿן הימל און ערד.
גאָט האָט באַשאַפֿן הימל און ערד.
פון דער שיינער ערד איז אַרויס אַ שיינער וואָרצל.
גאָט האָט באַשאַפֿן הימל און ערד.
גאָט האָט באַשאַפֿן הימל און ערד.

פון דעם שיינעם וואָרצל
איז אַרויס אַ שיינער בוים.
בוים פון דעם וואָרצל,
וואָרצל פון דער ערד,
גאָט האָט באַשאַפֿן הימל און ערד.
גאָט האָט באַשאַפֿן הימל און ערד.

פון דעם שיינעם בוים
איז אַרויס אַ שיינער צווייג.
צווייג פון דעם בוים,
בוים פון דעם וואָרצל,
וואָרצל פון דער ערד,

גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד.
גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד.

פון דעם שיינעם צווייג
איז אַרויס אַ שיינע בלום.
בלום פון דעם צווייג,
צווייג פון דעם בוים,
בוים פון דעם וואָרצל,
וואָרצל פון דער ערד,
גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד.
גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד.

פון דער שיינער בלום
איז אַרויס אַ שיינער עפּל.
עפּל פון דער בלום,
בלום פון דעם צווייג,
צווייג פון דעם בוים,
בוים פון דעם וואָרצל,
וואָרצל פון דער ערד,
גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד.
גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד.

אַלף איז אַן אַקער

א איז אַן אַקער וואָס אַקערט דאָס פעלד.
ב איז ברויט וואָס שפּייזט די וועלט.
ג איז אַ גלאָק וואָס קלינגט און וועקט.
ד איז אַ דאַך מיט שינדלען באַדעקט.
ה איז אַ האַנט אויף אַרבעט און שפּיל.
ו איז אַ וועג וואָס פירט צום ציל.
ז איז די זון וואָס שיינט פאַר אַלע.
ח איז אַ חופּה פאַר חתן־כלה.
ט איז אַ טיגער — ווילד און פרעך.
י איז אַ יאָזשיק מיט נאָדל שטעך.
כ איז אַ כאָר וואָס זינגט אַ געזאַנג.
ל איז אַ לירע מיט אַ צויבערלעכן קלאַנג.
מ איז אַ מיל וואָס מאָלט כסדר.
נ איז אַ נאָדל צום נייען קליידער.
ס איז אַ סוד וואָס מען זאָגט אויפן אויער.
ע איז אַן עפּל — זיס אָדער זויער.
פּ איז אַ פּאַלמע הויך און שלאַנק.
פ איז אַ פוס צום גיין אַ גאַנג.
צ איז די צוואַנג געמאַכט מיט אַ צוואַנג.
ק איז אַ קעמל מיט אַ שפּיציקער פּלייצע.
ר איז אַ ראָד וואָס דרייט זיך און דרייט זיך.
ש איז אַ שיף מיט קוימענס דריי.
ת איז די תורה — אַלט און ניי.

יאַנקעלע־באַנקעלע

יאַנקעלע־באַנקעלע,
גרויסער קאָפּ!
מיט שטיוואַלעס
טריפּ, טראָפּ, טראָפּ!

קומט דער טאַטע
באַלד צוגיין —
זעט ער אים אין
שטיוול שטיין.

זענען שטיוול
גרויס און שווער
רירט זיך יאַנקל
ווי אַ בער.

קומט די מאַמע
באַלד צוגיין —
זעט זי אים אין
שטיוול שטיין.

איז ער מיד שוין,
קאָן ניט גיין —
בלייבט ער אין די
שטיוול שטיין.

מאַכט די מאַמע:
„אוי, אוי, אוי!"
זאָגט דער טאַטע:
„רעכט אַזוי!"

וואָס־זשע זאָל דאָ
יאַנקל טאָן?
שרייבט ער גאָר אַ
בריוול אָן.

בעטן יאַנקלס
טרערן גרויס:
ווי־זשע קריכט מען
דאָ אַרויס?!

שרייבט ער דאָרטן
אינעם בריוול:
„קומט און העלפט מיר
פון די שטיוול".

נעמט דער טאַטע
פּאַר אַן אויער,
נעמט די מאַמע
פּאַר אַן אויער.

און מען נעמט זיך
ציען, שלעפּן —
יאַנקעלען פון
שטיוול שלעפּן.

נו, נו, שלעפּט מען
און מען שלעפּט —
יאַנקל איז ווי
צוגעקלעפּט.

מאַכט דער טאַטע
און ער לאַכט:
„בלייבסט דאָ, יאַנקל,
איבער נאַכט!"

איבער נאַכט און
נאָך אַליין —
וויי, ער וועט פון
שרעק אויסגיין!

קאָן ניט מאַמע
שווייגן מער.
זאָגט זי: טאַטע,
קום אַהער!

קום אַהער און
נעם זיך — צי!
זשאַלעווע נאָר
ניט קיין מי!"

נעמט דער טאַטע
פאַר אַן אויער,
נעמט די מאַמע
פאַר אַן אויער,

און מען נעמט זיך
ווידער שלעפּן —
יאַנקעלען פון
שטיוול שלעפּן.

שלעפּט מען ווידער
און מען ציט,
ביז — יאַנקעלע פון
שטיוול פליט.

פון די שטיוול
שוין אַרויס,
איז די פרייד דאָך
זייער גרויס.

טאַטע־מאַמע
נעמען יאַנקעלען —
מאַרש אַהיים מיט
אונדזער באַנקלען.

(עס איז ראַטזאַם דאָס ליד צו דראַמאַטיזירן. פאַר דעם צוועק קומט עס דאָ אַריין אין פאַרקירצטער פאָרעם.
די דריי האַנדלענדיקע פּערזאָנען זאָלן געשפּילט ווערן פאַנטאָמינע און די אַנדערע קינדער באַטייליקן זיך ווי לייענער.)

לאָמיר זינגען

לאָמיר זינגען, לאָמיר זינגען,
לאָמיר זינגען אַ ליד צו דער יידישער שול,
וואָס איז אַלעמען, וואָס איז אַלעמען,
וואָס איז אַלעמען אונדז אַזוי טייער;
לאָמיר זינגען מיט פרייד
און מיט האָפענונג פול
אויף אַ וועלט אַ באַפרייטער, אַ נייער.

לאָמיר לערנען, לאָמיר לערנען,
לאָמיר לערנען פון די, וועלכע האָבן געבויט,
און אין קאַמף, און אין קאַמף,
און אין קאַמף זייער מוט ניט פאַרלאָרן;
לאָמיר טראָגן דעם גייסט,
וואָס מען האָט אונדז פאַרטרויט
שוין פון טויזנטער, טויזנטער יאָרן.

לאָמיר זינגען, לאָמיר זינגען . . .

לאמיר זינגען א ליד צו דער אידישער שול

ווערטער פון י. נחום. מוזיק פון ש. ווײַנער.



א	א	אלף
בּ	בּ	בּית
ב	ב	בית
ג	ג	גימל
ד	ד	דַלית
ה	ה	הֵא
ו	ו	וָו
ז	ז	זַיִן
ח	ח	חֵית
ט	ט	טֵית
י	י	יוּד
כּ	כּ	כָּף
כ	כ	כף
ך	ך	ענדע־כף
ל	ל	לַמד
מ	מ	מֵם

ם ם — ענדע מם

נ נ — נון

ן ן — ענדע נון

ס ס — סַמך

ע ע — עַין

פּ פּ — פּא

פֿ פֿ — פֿא

ף ף — ענדע פֿא

צ צ — צַדיק

ץ ץ — ענדע צדיק

ק ק — קוף

ר ר — רֵיש

שׁ שׁ — שין

שׂ שׂ — שין

תּ תּ — תָּו

ת ת — תו

פון חומש

זאָל ווערן ליכטיק!

אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט,
איז געווען פינצטער.
גאָט האָט באַשאַפן דעם הימל,
גאָט האָט באַשאַפן די ערד,
און סאיז געווען פינצטער.
האָט גאָט געזאָגט: זאָל ווערן ליכטיק!
איז געוואָרן ליכטיק.
האָט גאָט באַשאַפן די זון,
זי זאָל שיינען באַטאָג,
און די לבנה און די שטערן,
זיי זאָלן שיינען באַנאַכט.

דער ערשטער מענטש

גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג.

דעם ערשטן טאָג האָט גאָט באַשאַפן טאָג און נאַכט.

דעם צווייטן טאָג האָט גאָט באַשאַפן טייכן און הימלען.

דעם דריטן טאָג האָט גאָט באַשאַפן דיביימער און די גראָזן.

דעם פערטן טאָג האָט גאָט באַשאַפן די זון און די לבנה.

דעם פינפטן טאָג האָט גאָט באַשאַפן די פיש אין וואַסער און די פייגל אין הימל.

און דעם זעקסטן טאָג האָט גאָט באַשאַפן בהמות און חיות.

און די לעצטע זאַך האָט גאָט באַשאַפן דעם מענטשן.

גאָט האָט גענומען אַ שטיק ערד,

און פון דעם אויסגעפורעמט אַ מענטש.

און גאָט, דער האַר, האָט אין דעם מענטשן

אַריינגעבלאָזן אַ נשמה.

האָט דער מענטש אָנגעהויבן לעבן.

דער מענטש איז געווען אדם.

אדם איז געווען דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט.

די ערשטע פרוי

אדם איז געווען איינער אַליין.
איז אים געווען זייער אומעטיק.
האָט גאָט געבראַכט אַלע באַשעפעניש צו אדמען.
אדם האָט יעדער פון די באַשעפענישן אַ נאָמען געגעבן,
נאָר קיין חבר פאַר זיך האָט ער צווישן זיי ניט געפונען.
האָט גאָט איינגעשלעפערט אדמען און האָט אַרויסגענומען
אַ ריפּ פון זיין זייט.
פון דער ריפּ האָט גאָט געמאַכט אַ פרוי.
אַז אדם האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען די פרוי,
האָט ער זיך זייער דערפרייט.
אדם האָט דער פרוי אַ נאָמען געגעבן חוה,
און זי איז געווען זיין חברטע.

נח

אויף דער וועלט זענען שוין געווען אַ סך מענטשן.
זיי זענען אָבער געווען זייער שלעכט.
האָט זיי גאָט געוואָלט פֿאַרטיליקן.
אָבער איין מענטש איז געווען אַ גוטער און אַ פֿרומער.
ער האָט געהייסן נח.
גאָט האָט געוואָלט נח זאָל בלייבן לעבן.
האָט גאָט געזאָגט צו נחן:
„נח, איך וועל ברענגען אַ מבול אויף דער וועלט,
מאַך דיר אַ גרויסן קאַסטן און זעץ זיך אין אים אַריין.
ווען דער מבול וועט קומען,
ווען דאָס וואַסער וועט ווערן הויך,
וועסטו אַרומשווימען אין דעם קאַסטן.
אַלע וועלן דערטרונקען ווערן,
נאָר דו, מיט דיין ווייב און קינדער, וועסט בלייבן לעבן“.
האָט נח געטון ווי גאָט האָט אים געהייסן.

נח אין דער תיבה

און נח האָט אַרייַנגענומען צו זיך אין דער תיבה
אַ פּאָר פון יעדן מין פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן:
אַ לייב און אַ לייביכע,
אַ בער און אַ בעריכע,
אַ וואָלף און אַ וואָלפיכע,
אַן אָקס און אַ קו.
אַזוי פון אַלע חיות, בהמות און פייגל.

ווען אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן זענען שוין געווען
אין דער תיבה
האָט זיך אָנגעהויבן דער מבול.
די פענצטער פון הימל האָבן זיך געעפנט
און דאָס וואַסער האָט געגאָסן און געגאָסן
און האָט צוגעדעקט אַלע זאַכן אויף דער ערד.

און די תיבה איז געשוואומען
אויף די גרויסע וואַסערן
פערציק טעג און פערציק נעכט.

די מעשה מיט דער טויב

פערציק טעג און פערציק נעכט איז געווען דער מבול אויף דער וועלט. אַלץ, וואָס סאיז געווען אויף דער ערד איז דער-טרונקען געוואָרן.

און גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן נחן און אָן די באַשעפענישן וואָס זענען געווען מיט אים אין דער תיבה. און גאָט האָט פאַרשלאָסן די פענצטער פון הימל און דער רעגן האָט אויפ-געהערט. די וואַסערן זענען קלענער געוואָרן און עס האָבן זיך באַוויזן די שפּיצן פון די בערג.

האָט נח געעפנט אַ פענצטער פון דער תיבה און אַרויסגע-שיקט די ראָב צו זען צי דאָס וואַסער איז שוין אַוועק. איז די ראָב באַלד צוריקגעקומען.

האָט נח געוואַרט זיבן טעג, און ער האָט אַרויסגעשיקט די טויב צו זען צי דאָס וואַסער איז שוין קלענער געוואָרן. האָט די טויב נישט געפונען קיין טרוקן אָרט וואו איר פיסל צו שטעלן און זי איז צוריקגעקומען.

האָט נח געוואַרט נאָך זיבן טעג און ער האָט ווידער אַרויס-געשיקט די טויב. איז די טויב צוריקגעקומען ערשט פאַרנאַכט. און אין מויל האָט זי געהאַלטן אַ בלאַט פון אַ בוים.

האָט נח געוואַרט נאָך זיבן טעג און ער האָט ווידער אַרויס-געשיקט די טויב. איז זי שוין מער ניט צוריקגעקומען. האָט נח געוואוסט, אַז דאָס וואַסער איז שוין אַוועק.

האָט נח אויפגעעפנט די תיבה און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס זענען געווען מיט אים אין דער תיבה. און די פייגל און חיות און אַלע לעבעדיקע זאַכן האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט.

און די וועלט איז ווידער געוואָרן פול מיט לעבן ווי פאַרן מבול.